פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# איבער אייער קינד'ס מעדיצינישע פֿאַרשלעפֿונג

די אינפֿאָרמאַציע ערקלערט וואָס עס וועט פּאַסירן ווען אײער קינד ווערט מעדיציניש פֿאַרשלעפֿט פֿאַר אַ סקען אָדער אַ פּראָצעדור . עס וועט אײך אויך העלפֿן זיך אָפּגעבן מיט׳ן קינד נאָך די פֿאַרשלעפֿונג.

פֿאַרשלעפֿונג איז ווען דאָס קינד ווערט געגעבן אַ מעדיצין כדי ער/זי זאָל שלאָפֿן במשך אַ סקען אָדער אַ פּראָצעדור. אַ מעדיצין וואָס איז גענוצט פֿאַר פֿאַרשלעפֿונג הײסט אַ סעדאַטיוו. אין מעמאָריעל סלאָון קעטערינג (MSK) וועט אַ ספּעציאַליזירטער העלטקעיר פּראָווײדער, אַזויווי אַ סערטיפֿיצירטער רעגיסטרירטער נוירס אַנעסטעזיסט (CRNA) אָדער אַן אַנעסטעזיאָלאָג געבן אײער קינד דעם סעדאַטיוו.

מען קען נוצן פֿאַרשלעפֿונג פֿאַר אימעדזשינג סקענס אויב אײער קינד דאַרף ליגן אַבסאָלוט שטיל במשך דעם סקען. מען קען עס אויך נוצן פֿאַר פּראָצעדורן וואָס קענען אָנמאַכן סטרעס אָדער ווײטאָג אויב דאָס קינד איז וואַך.

## סאָרטן סעדאַטיוון

אײניגע סעדאַטיווס ווערן אַרײנגעלײגט אינעם קינד׳ס בלוטשטראָם. זײ הײסן אינטראַווינעס (IV) סעדאַטיוון (אינעווײניג אין די ווענע). אַנדערע סעדאַטיוון ווערן געגעבן אַלס אַ גאַז וואָס דאָס קינד אָטעמט אײן דורך

אַ מאַסקע װעלכע מען לײגט אים/זי אויף די נאָז און מויל.

אײער קינד׳ס הערלטקעיר פּראָװײדער װעט מיט אײך רעדן איבער דעם סאָרט (די סאָרטן) סעדאַטיװ װאָס אײער קינד װעט קריגן. אין MSK נוצן מיר סעדאַטיװן פּראָפּאָפֿאָל (propofol), סעװאָפֿלוראַן (sevoflurane) און דעקסמעדעטאָמידין (dexmedetomidine (Precedex®)).

## פּראָפּאָפֿאָל

פּראָפּאָפֿאָל איז אַ װײס־געפֿאַרבטער IV סעדאַטיװ. עס פֿאַנגט אָן צו װירקן זײער גיך, געװענליך אין װײניגער װי אַ מינוט. אײנמאָל דאָס קינד׳ס פּראָצעדור אָדער סקען איז פֿאַרטיג, פֿאַנגט אָן דאָס קינד זיך אויפֿצואװעקן געװענליך 10 ביז 20 מינוט שפּעטער. יעדעס קינד װעקט זיך אויף אַנדערש. פּראָפּאָפֿאָל מעג נעמען לענגער זיך אויסצואװעפּן, באַזונדערס מיט לענגערע סקענס אָדער פּראָצעדורן.

## סעװאָפֿלוראַן

סעװאָפֿלוראַן איז אַ סעדאַטיװער גאַז װאָס װירקט שנעל. אויב אײער קינד׳ס סקען אָדער פּראָצעדור װעט זײן קורץ און דאָס קינד װעט נישט דאַרפֿן קײן IV ליניע, קענען מיר נוצן סעװאָפֿלוראַן כדי דאָס קינד זאָל שלאָפֿן. אויב מען װעט דאַרפֿן אַרײנלײגן אײער קינד אַן IV ליניע פֿאַר׳ן סקען אָדער פּראָצעדור, קענען מיר צוערשט געבן דאָס קינד סעװאָפֿלוראַן. דאָס װעט מאַכן אַרײנלײגן די IV ליניע גרינגער און באַקװעמער. דערנאָך קענען מיר נוצן די IV ליניע צו געבן דאָס קינד אַנדערע סעדאַטװין, מעדיצינען אָדער פֿליסיגקײטן במשך אָדער נאָכ׳ן סקען אָדער פּראָצעדור.

עס איז נאָרמאַל אויב דער סעװאָפֿלוראַן גאַז שמעקט שלעכט. קינדער

קענען ווערן דערשראָקן איינצושלאָפֿן אויף אַזאַ אופֿן, און אַמאָל דאַרפֿן מיר אייער הילף צו באַרואיגן און האַלטן דאָס קינד בשעת ער/זי ווערט אַנטשלאָפֿן.

### דעקסמעדעטאָמידין (פּרעסעדעקס)

פּרעסעדעקס איז אַ דורכזיכטיגער IV סעדאַטיוו. אַמאָל נוצט מען עס מיט פּראָפּאָפֿאָל אָדער סעוואָפֿלוראַן צו העלפֿן קינדער זײ זאָלן נישט זײן צערודערט אָדער צעמישט ווען זײ וועקן זיך אויף נאָך די פֿאַרשלעפֿונג. אויב איר מיינט אַז אייער קינד האָט זיך אַמאָל אויפֿגעוועקט וויינענדיג, צעמישט אָדער צערודערט נאָך די פֿאַרשלעפֿונג, לאָזט וויסן אייער אַנעסטעזיאָלאָג.

פּרעסעדעקס וועט וואַרשיינליך גורם זײן אַז אייער קינד וועט לענגער שלאָפֿן נאָך דעם סקען אָדער פּראָדעצור. עס קען אויך אַראָפּלאָזן דאָס קינד׳ס האַרץ ראַטע. מיר וועלן נאָענט באַאָבאַכטן אייער קינד׳ס האַרץ ראַטע כדי צו מאַכן זיכער אַז דאָס קינד איז נישט אין קיין געפֿאַר. דאָס קינד׳ס האַרץ ראַטע וועט ווערן ווידער נאָרמאַל איינמאָל דאָס קינד וועקט זיך אויף און דער פּרעסעדעקס ווערפט זיך אויס.

## וואָס צו ערוואַרטן

עס קען זײן נוצליך צו רעדן מיט׳ן קינד איבער דעם וואָס וועט פּאַסירן במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. צום ביישפּיל, קענט איר זאָגן אַז מיר וועלן אים/זי געבן אַ מעדיצין כדי דאָס קינד זאָל שלאָפֿן. עס וועט אויך העלפֿן צו באַרואיגן דאָס קינד אַז איר וועט זײן מיט אים/זי בשעת דאָס קינד ווערט אַנטשלאָפֿן און ווען ער/זי וועקט זיך אויף.

### איידער אייער קינד ווערט אַנטשלאָפֿן

איר וועט זיך טרעפֿן מיט דעם אַנעסטעזיאָלאָג פֿאַר אייער קינד׳ס סקען אָדער פּראָצעדור. דער אַנעסטעזיאָלאָג וועט ענטפֿערן אויף אייערע פֿראַגעס און רעדן מיט אייך איבער דעם וואָס צו ערוואַרטן. דערנאָך וועט דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג געבן אייער קינד דעם סעדאַטיוו.

איייניגע קינדער האָבן אומוואָלונטערישע מוסקעל אָדער אויג באַוועגונגען בשעת זיי ווערן אַנטשלאָפֿן פֿון דעם סעדאַטיוו. דאָס איז נאָרמאַל. איר קענט העלפֿן באַרואיגן דאָס קינד דורך האַלטן אים/זי אָדער רעדן מיט׳ן קינד . איינמאָל אייער קינד ווערט אַנטשלאָפֿן, וועט איר צוריקגיין אינעם וואַרטצימער.

**בשעת אייער קינד שלאָפֿט**

דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג וועט בלייבן מיט אייער קינד במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. זיי וועלן אויפֿמערקזאַם באַאָבאַכטן דאָס קינד און באַהאַנדלען סיי וועלכע זייטיגע ווירקונגען, אַזוי ווי:

- פֿאַרשטאַטערטע, נישט טיפֿע אָטעמען. דאָס איז די פֿאַרשפּרייטסטע זייטיגע ווירקונג פֿון פֿאַרשלעפֿונג. דער CRNA אָדער אַנעסטעזיאָלאָג קען געבן אייער קינד מער אָקסידזשען דאָס צו פֿאַרבעסערן. אויב נויטיג, וועלן זיי אויך געבן אַן אָקסידזשען זאַק און מאַסקע צו העלפֿן דאָס קינד אָטעמען. איייניגע קינדער קענען דאַרפֿן אַן אָטעם רער, אָבער דאָס איז זעלטן.
- נידעריגע בלוט דרוק. איייניגע קינדער קריגן IV פֿליסיגקייטן פֿאַר אָדער במשך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. די IV פֿליסיגקייטן העלפֿן צו פֿאַרמיידן אַז דאָס קינד׳ס בלוט דרוק זאָל ווערן צו נידעריג.

**בשעת אייער קינד וועקט זיך אויף**

דאָס קינד וועט איבערגעפֿירט ווערן אין אַן ערהוילונג צימער נאָך דעם סקען אָדער פּראָצעדור. אַן איינגעשטעלטער וועט אייך ברענגען אין ערהוילונג צימער איינמאָל דאָס קינד וועקט זיך אויף. אַ נוירס אין דעם ערהוילונג צימער וועט באַאָבאַכטן אייער קינד ביז דער סעדאַטיוו וועפּט זיך אויס.

דער סעדאַטיוו וועפּט זיך אויס נאָך אומגעפֿער 10 ביז 20 מינוט אָבער אייניגע קינדער שלאָפֿן אַ ביסל לענגער. דאָס איז אַ נאָרמאַלע שלאָף. עס איז נאָרמאַל אויב קינדער וועקן זיך אויף און דערנאָך שלאָפֿן ווידער איין איינמאָל זיי געפֿינען זיך ביי אייך אין די אָרעמס.

קינדער וועקן זיך געווענליך אויף בשלום. אייניגע קינדער כאַפּן זיך אויף בייז, ווײנענדיג, צעמישט און אויס מענטשן. געווענליך ווערט דאָס שוין בעסער אַ ביסל שפּעטער. גאָר זעלטן דאַרפֿן מיר געבן דאָס קינד מעדיצינען דאָס צו באַהאַנדלען. פּרעסעדעקס קען אַמאָל גענוצט ווערן דאָס צו פֿאַרמיידן.

אויב אייער קינד שפּירט איבל (כאילו ער/זי גייט ברעכן), וועלן מיר געבן דאָס קינד מעדיצינען כדי ער/זי זאָל זיך שפּירן בעסער. דאָס איז זעלטן פֿאַר רוב סעדאַטיוון.

## וויאַזוי זיך אָפּגעבן מיט׳ן קינד נאָך פֿאַרשלעפֿונג

- איר קענט רעדן מיט׳ן קינד מיט אַ באַרואיגנדע שטימע אָדער האַלטן דאָס קינד׳ס האַנט בשעת דער סעדאַטיוו וועפּט זיך אויס.
- דאָס קינד קען זאָפֿאָרט טרינקען אָדער עסן אויסער ווען ס׳איז דאָ אַ סיבה דאָס נישט צו טאָן (צ.ב.ש. אויב דאָס קינד האָט נאָך אַ

טעסט). הייבט אָן מיט אומבאַ׳טעמ׳טע עסן אַזוי ווי קרעקערס, טאָוסט, רייז אָדער עפּלסויס. אויב אומבאַ׳טעמ׳טע עסן מאַכט אים/זי נישט קאַליע דעם מאָגן, קענען דאָס קינד האָבן זיין געוועגליכע עסן און טרינקען.

- אויב אייער קינד נעמט אַ מעדיצין פֿאַר ווייטאָג וואָס אַנטהאַלט אַן אָפּיאָיד (אַזוי ווי ®Oxycodone), קען עס גורם זיין אַז דאָס קינד איז מער פֿאַרשלאָפֿן ווי געוועגליך אויב ער/זי איז מעדיציניש פֿאַרשלעפֿט געוואָרן פֿריער יענעם טאָג.
- נאָכדעם וואָס אייער קינד וועקט זיך אויף, קען ער/זי זיך שפּירן מיד, טרייסלען זיך, אָדער די ביידע. מיר קענען אייך געבן אַ ווילטשעיר צו פֿירן דאָס קינד צו אייער קאַר אָדער אַן אַנדערע רייזע אַהיים.
- איינמאָל איר און אייער קינד זענען אינדערהיים, זאָל דאָס קינד זיך אָפּרוען אָדער טאָן אַ שטילע, גרינגע אַקטיוויטעט, אַזוי ווי קוקן טעלעוויזיע. דער קאָפּ קען אים/איר דרייען און ער/זי קען וואַקלען זיך, אַזוי דאַרפֿט איר דאָס קינד נאָנט באַאָבאַכטן כדי צו מאַכן זיכער אַז ער/זי ווערט נישט געשעדיגט. לאָזט אים/זי נישט טאָן קיין אַקטיוויטעטן וואָס באַדאַרפֿן באַלאַנס אָדער פֿעסטקייט (אַזוי ווי פֿאָרן אויף אַ ביציקל אָדער נוצן די טרעפּ) ביז דאָס קינד׳ס נאָרמאַלע אויפֿפֿירונג קומט צוריק.

## ווען איר זאָלט רופֿן אייער קינד׳ס העלטקעיר פּראָווײדער

רופֿט אייער קינד׳ס העלטקעיר פּראָווײדער אויב:

- דאָס קינד פֿאַנגט אָן צו ברעכן.

- דאָס קינד ווערט זייער צערייצט אָדער קען נישט אויפהערן צו וויינען.
- איר קענט דאָס קינד קוים אויפוועקן.
- דאָס קינד האָט אַ פיבער העכער פון 100.4 גראַד פערענהייט (38 גראַד צעלסיוס) אָדער טשילס.
- דאָס קינד האָט אַן אויסשלאָג אָדער הייווס.
- דאָס קינד כאָרכלט.

**אויב דאָס קינד האָט שוועריגקייטן מיט'ן אָטעמען, רופט 911 זאָפאָרט.**

אויב איר האָט סיי וועלכע פראַגעס, פאַרבינדט זיך דירעקט מיט אַ מיטגליד פון אייער העלטקעיר מאַנשאַפט. אויב איר זענט אַ פאַציענט אין MSK און דאַרפט זיך פאַרבינדן מיט אַ פראָוויידער נאָך 5 נאָכמיטאָג, במשך סוף וואָך אָדער אויף אַ וואַקאַציע, רופט 212-639-2000 און בעט דעם פעדיעטריק פעלאָו אָן קאָל.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---

About Your Child’s Sedation - Last updated on August 19, 2020
אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center